בס"ד. שיחת ש"פ דברים, שבת חזון, ד' מנחם-אב ה'תשמ"ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

א. בנוגע צו שבת חזון איז ידוע דער ווארט פון ר' לוי יצחק בארדיטשעווער' – דער ממליץ טוב אין אהבת ישראל – אז שבת חזון איז מלשון מחזה, דעמולט באווייזט מען "לכאו"א המקדש דלעתיד", דעם בית המקדש השלישי.

וואס דאס איז נאכמער מעורר ומעודד א אידן, אז זעענדיק דעם ביהמ"ק השלישי ווי ער איז בנוי על מכונו, נאר ער געפינט זיך למעלה, און דער איד ווייסט אז דורך מעשינו ועבודתינו איז ער ממשיך דעם ביהמ"ק למטה, און אין אן אופן פון "מיד", "מיד הן נגאלין"[2] – איז דאס אים נאכמער מעורר און מעודד אז ער זאל נאכמער מוסיף זיין אין עבודתו שלו און דורך דעם ממשיך זיין דעם ביהמ"ק למטה.

ב. אין ראיית הנבואה גופא זיינען פאראן עשר לשונות של נבואה[3], און דא נוצט מען דעם לשון "חזון", מחזה, דער תרגום פון ראי'. דאס מיינט, אז דאס וואס מ'באווייזט בשבת חזון "לכאו"א המקדש דלעתיד" (וואס דאס ליגט אין דעם נאמען פון דעם שבת – "שבת חזון", מלשון מחזה), זעט דער איד דעם ביהמ"ק ניט אין אן אופן של ראי' סתם, נאר אין אן אופן פון חזון, דער תרגום פון ראי'.

וואס דאס ברענגט ארויס נאך א גרעסערן עילוי אין דעם וואס כאו"א זעט דעם ביהמ"ק (ובמילא – א תוספות עידוד ער זאל טאן עבודתו):

תרגום באווייזט אויף אן ענין של גלות. און די כוונה פון גלות און תרגום איז אז מ'זאל דאס מהפך זיין צו קדושה (כמבואר אין תורה אור[4]), און צוקומען צו דער גאולה.

און בשעת מ'איז מהפך תרגום לקדושה קומט צו נאך א העכערער עילוי ווי ס'איז געווען לפנ"ז – כעילוי דעבודת התשובה לגבי עבודת הצדיקים.

ועד"ז איז אויך מובן בנוגע צו שבת חזון מלשון מחזה: דאס וואס בשבת חזון באווייזט מען "לכאו"א המקדש דלעתיד" קומט אראפ ניט סתם אין ראיית כאו"א,

– נאר –

---

1) נעתק ברשימות הצ"צ לאיכה בסופן בהערה (אוה"ת נ"ך כרך ב' ע' א'צז). 2) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה. 3) אדר"נ פל"ד. ב"ר פמ"ד, ו. 4) משפטים עז, ג-ד. עח, ג.

נאר איך ראי' מלשון <u>תרגום</u>. "חזון" מלשון מחזה. ד.ה. אז דאס נעמט דורך דעם ענין התרגום והגלות. אז דארטן גופא זעט מען דעם ביהמ"ק השלישי. על מנת אז א איד דורך עבודתו זאל ער דאס ממשיך זיין למטה.

ג. דער ביאור בזה:

פנימיות הכוונה פון גלות איז, אז א איד ע"י עבודתו זאל מהפך זיין דעם גלות און צוקומען צו די גאולה. וואס דאס איז דער ענין פון עבודת התשובה - אויפטאן און מהפך זיין דעם מעמד בלתי רצוי פון גלות צו א מצב פון גאולה.

און דערפאר איז די גאולה העתידה און דער ביהמ"ק השלישי פארבונדן מיט ענין ומעלת התשובה. ווי דער רמב"ם פסק'נט[2] אז "סוף ישראל לעשות <u>תשובה</u> בסוף גלותן ומיד הן נגאלין". ד.ה. אז די גאולה העתידה איז פארבונדן במיוחד מיט ענין התשובה.

בכדי געבן א אידן איך גלות נאכמער כח דאס אויפטאן - באווייזט מען אים בשבת חזון המקדש דלעתיד, על מנת דאס זאל אים ברענגען צו א הוספה בעבודתו בכדי אראפברענגען דעם מקדש בפועל למטה.

דעריבער באווייזט מען "לבאו"א המקדש דלעתיד" דוקא אין אן אופן פון "חזון" מלשון מחזה, לשון <u>תרגום</u> - ווייל דער ענין און עבודה און עילוי פון <u>תשובה</u>, דריקט זיך אויס דוקא אין לשון תרגום - "חזון" (אז מ'נעמט'אן ענין פון תרגום וגלות און מ'איז דאס מהפך לקדושה וגאולה).

ד. און וויבאלד אז דער תוכן העבודה פון א אידן בזמן הגלות און דער תוכן הענין פון די גאולה העתידה (וואס קומט ע"י עבודתו) איז פארבונדן מיט <u>תשובה</u> און <u>תרגום</u> ("חזון") - דערפאר איז דער גילוי אלקות וואס איז פארבונדן מיט דער גאולה העתידה און דעם גילוי פון ביהמ"ק השלישי, א גילוי אלקות הכי נעלה, העכער פון דעם גילוי אלקות בבית ראשון און בבית שני, כמעלת עבודת התשובה לגבי עבודת הצדיקים:

גילוי אלקות וואס איז געווען בזמן בית ראשון, קודם כל ענין הגלות, איז אויך געווען בבחי' הכי נעלית. דעמולט איז געווען "וישב שלמה על כסא ה'"[5],

- מיט -

---

5) דה"א כט, כג.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

SichosKodesh.com

מיט די אלע הפלאות שבזה.

ביז אז דער גילוי אלקות איז דעמולט געווען נאך העכער פון דעם ענין של יוהכ"פ. ווי עס ווערט דערציילט אז חנוכת בית ראשון מיטן משתה באכו"ש ושמחה גדולה איז געווען אויך אין דעם טאג פון יוהכ"פ. און האט דוחה געווען דעם תענית פון יוהכ"פ. ואדרבה - ס'איז ארויס א בת קול אז די וואס פראוועןן דעם משתה באכו"ש בחנוכת הבית "כולכם מזומנין לחיי העולם הבא"[6]. וואס דערפון איז מובן אז דער גילוי בחנוכת בית ראשון איז געווען העכער פון יוהכ"פ, דערפאר האט עס דוחה געווען יוהכ"פ.

וע"ד ווי דער ענין וגילוי פון פורים, וואס יום הכפורים איז נאר "כפורים", ווי עס שטייט אין תקו"ז[7], ווייל דער גילוי פון פורים איז נאך העכער פון יום הכפורים: בחג הפורים טוט מען אויף ע"י משתה ושמחה "עד דלא ידע"[8], למעלה ממדידה והגבלה לגמרי; משא"כ יוהכ"פ איז א יום תענית וצום.

ועד"ז איז געווען דער גילוי הכי נעלה בא חנוכת המקדש וואס מ'האט געפראוועט א משתה ושמחה ביוהכ"פ און דאס איז געווען אן ענין נעלה ביותר.

לאידך גיסא אבער: בחג הפורים איז צוגעקומען נאך א העכערע דרגא אין גילוי אלקות ווי ס'איז געווען בזמן בית ראשון - דורך דעם וואס חג הפורים איז געווען בזמן הגלות (גלות בבל) און איז געקומען לאחרי הגזירות. ווארום דער ענין פון א גאולה אין גלות (ווי בחג הפורים) האט אין זיך דעם גילוי פון ענין התשובה וואס איז העכער פאר ענין פון צדיקים (ווי ס'איז געווען בזמן בית ראשון).

וכמודגש בהענין וואס בחג הפורים האט זיך אויפגעטאן "קיימו וקבלו היהודים"[9], "קיימו מה שקבלו כבר"[10] בא מתן תורה. וואס דערפון איז מובן אז בפורים איז דא אן עילוי אפילו לגבי מ"ת, ווייל דעמולט האט זיך אויפגעטאן דער קיום פון קבלת התורה בא מ"ת. וואס דער עילוי איז ע"ד דער עילוי פון עבודת התשובה לגבי עבודת הצדיקים, וואס דאס איז דאך דער ענין פון מ"ת - עבודת הצדיקים, וואס מ"ת איז געקומען בהמשך

- צו -

---

6) מו"ק ט, א. 7) תכ"א (נז, ב). תו"א הוספות קכא, א. 8) מגילה ז, ב. 9) אסתר ט, כז. 10) שבת פח, א.

צו חודש ניסן, וואס ענינו איז עבודת הצדיקים, כמבואר בכ"מ[11].

וואס דער עילוי איך פורים איז געקומען מצד דעם ענין הגלות והגזירות וואס זיינען געווען בזמן גלות בבל, וואס דורך דעם ענין הגלות איז מען דערנאך צוגעקומען (לאחר ביטול הגזירות) צו די מעלה פון תשובה לגבי צדיקים.

עפ"ז וועט מען אויך פארשטיין דעם עילוי פון בית שלישי לגבי בית ראשון - כמעלת עבודת התשובה לגבי עבודת הצדיקים:

כשם ווי פורים האט איך זיך דעם עילוי אז דעמולט האט זיך אויפגעטאן דער קיום פון קבלת התורה, "קיימו מה שקבלו כבר", מצד מעלת עבודת התשובה (וואס קומט ע"י הגלות והגזירות) לגבי עבודת הצדיקים (מתן תורה)-

עד"ז איז אויך בענין הבית המקדש, וואס איז בדומה צו ענין פון מ"ת, כמאחז"ל[12] "ביום חתונתו[13] זה מתן תורה וביום שמחת לבו[13] זה בנין בית המקדש" - אז בבית שלישי וועט זיין אן עילוי לגבי בית ראשון, דער עילוי פון עבודת התשובה, לאחרי הגלות זה האחרון, לגבי עבודת הצדיקים (בית ראשון), ע"ד ווי דער עילוי פון "קיימו מה שקבלו כבר" בפורים (תשובה) לגבי מ"ת (צדיקים).

און נאכמער:

בחג הפורים איז דער עילוי פון תשובה ניט געווען בתכלית השלימות, ווארום ס'איז דערנאך געווען (נאכן זמן בית שני) נאך א גלות; בתכלית השלימות וועט עס ערשט זיין לע"ל בגאולה העתידה, וואס די וועט זיין א גאולה שאין אחרי' גלות[14], און דעמולט וועט זיין די העכסטע דרגא פון גילוי אלקות, ובמיוחד בבית המקדש השלישי, מקדש נצחי.

ווי קומט מען אבער צו די גאולה העתידה און צו דעם ביהמ"ק השלישי? איז דאס דורך דעם איצטיקן גלות. וואס דורך מעשינו ועבודתינו פון אידן בזמן הגלות קומט דערנאך די גאולה העתידה[15] און ס'ווערן נתגלה די העכסטע

- גילויים -

------------

11) ראה לקו"ש חי"ח ע' 122. 12) תענית כו, ב (במשנה). 13) שה"ש ג, יא. 14) תוד"ה ונאמר - פסחים קטז, ב. 15) תניא רפל"ז.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

גילויים אין אלקות. ווארום דאס קומט ע"י העבודה בגלות, כמעלת עבודת התשובה לגבי עבודת הצדיקים.

ה. דער עילוי אין דער גאולה העתידה און ביהמ"ק דלעתיד לגבי בית ראשון און בית שני און דעם זמן בינתיים וכו׳, כמעלת ענין התשובה על ענין הצדיקים - איז מובן דערפון גופא וואס דאס איז די גאולה שלישית און דער ביהמ"ק השלישי:

דער חילוק צווישן בית ראשון בית שני און בית שלישי איז ע"ד החילוק אין די ששת ימי בראשית צווישן יום ראשון יום שני און יום שלישי דמעשה בראשית:

יום ראשון דמעשה בראשית ווערט אנגערופן "יום אחד"[16], ווייל דעמולט איז געווען ג׳עולם נאר איין זאך - אלקות, "הקב"ה יחיד בעולמו"[17].

בעבודה איז דאס, אז ביי א אידן איז דא נאר איין זאך - אידישקייט, אלקות, און ביי אים איז לגמרי ניטא דער ענין פון חטא ופגם ועבר את הדרך ח"ו. ד.ה. בכללות - עבודת הצדיקים.

יום שני איז דער ענין אז ס׳איז צוגעקומען נאך א זאך, ובמילא ווערט ענין הפירוד ותערובות, און דעריבער איז דעמולט לא נאמר בו "כי טוב". ווארום דעמולט קען דער "טוב" ניט ארויסקומען בכתיבה ועאכו"כ ניט בקריאה.

די כוונה אבער אין דעם יום שני איז, אז דורך דעם זאל מען צוקומען לידי עילוי נעלה יותר עי"ז וואס מ׳מאכט איבער דעם העדר הטוב פון יום שני צו טוב וקדושה.

וואס בגלוי קומט ארויס די אתהפכא פון העדר הטוב דיום שני לטוב - ביום השלישי, ווען "הוכפל בו כי טוב"[18], איין מאל טוב פארן יום השלישי און איין מאל פאר דעם גילוי הטוב וואס קומט ארויס פון יום השני.

וואס בעבודה איז דאס עבודת התשובה, אז מ׳איז מהפך אויך העדר הטוב לטוב וקדושה.

וואס די גאנצע כוונה אין דעם העדר הטוב איז בכדי מ׳זאל דעם העדר הטוב מהפך זיין צו טוב וקדושה.

- די -

---

16) בראשית א, ה. 17) ב"ר פ"ג, ח. פרש"י שם.
18) פרש"י עה"פ בראשית שם, ז.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

די גאנצע כוונה אין "נפש כי תחטא"[19] - וואס אין זהר[20] זאגט ער אויף דעם "ונפש כי תחטא" - "תווהא". אז א נפש פון א אידן האט קיין שייכות ניט צו חטא - איז בכדי מ'זאל צוקומען דורך דעם לעבודת התשובה און מהפך זיין דעם רע לטוב.

וכמבואר אין תניא[21] אז ס'זיינען פאראן "שני מיני נחת רוח לפניו ית' למעלה", וכמ"ש[22] "ועשה לי מטעמים כאשר אהבתי, מטעמים לשון רבים שני מיני נחת רוח כו'", איין נחת רוח פון עבודת הצדיקים און דער צווייטער נחת רוח פון עבודת התשובה, אז ס'זאל זיין "וגם רשע ליום רעה"[23], "פי' שישוב מרשעו ויעשה הרע שלו יום ואור למעלה כו'".

ד.ה. אז די גאנצע כוונה אין בריאת הרשע איז בכדי אז פון דער רעה זאל מען מאכן יום ואור, טוב וקדושה.

וואס דאס איז דער ענין פון יום ראשון, יום שני און יום שלישי: יום ראשון איז עבודת הצדיקים (כנ"ל). יום שני איז בריאת הרשע, מיט דער כוונה אז מ'זאל דאס מהפך זיין ליום ואור. און יום השלישי איז הוכפל בו כי טוב - דעמולט ווערט נתגלה פנימיות הכוונה אין יום שני, אז די "רעה" גופא ווערט נתהפך ליום ואור, טוב וקדושה.

און ווען עס ווערט נתגלה ביום השלישי דער טוב וואס איז בכוונה פנימית אין יום השני - איז דאס א "טוב" ניט נאר ווי דער "טוב" שביום ראשון, "יום אחד", נאר א טוב וואס איז באי"ע העכער פון דעם "טוב" שביום ראשון - ס'איז "הוכפל בו כי טוב", א טוב כפול, ע"ד ווי "כפליים לתושי'"[24] וואס ווערט ע"י עבודת התשובה, וואס דער פירוש אין "כפליים לתושי'" איז ניט נאר צוויי מאל אזויפיל, נאר באי"ע מערער[25].

כמובן דערפון וואס מ'זאגט אז במקום שבעלי תשובה עומדין צדיקים גמורים אין יכולים לעמוד שם[26]. ניט נאר וואס צדיקים שטייען דארטן ניט בפועל (אבער זיי קענען דארטן צוקומען), נאר זיי האבן גאר ניט די יכולת דארטן צוקומען, ווייל ס'איז באי"ע לגמרי. איז אויב

- מ'זאגט -

---

19) ויקרא ד, ב. 20) ח"ג טז, א. 21) פכ"ז. 22) תולדות כז, ז. 23) משלי טז, ד. 24) איוב יא, ו. 25) שמו"ר פמ"ו, א. 26) ברכות לד, ב. רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ד.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

מ'זאגט אז "כפליים לתושי'" פון דעם בעל תשובה איז נאר צוויי מאל אזויפיל - איז ניט מובן פארוואס ס'איז ניט ביכולת פון דעם צדיק דארטן אנצוקומען, ס'איז דאך נאר צוויי מאל אזויפיל וויפל דער צדיק האט?! איז דערפון מובן אז ס'איז אינגאנצן באי"ע. און דערפאר אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד שם.

ד.ה. אז בשעת ס'ווערט פון "רעה" - "ליום ואור", על שם "ויקרא אלקים לאור יום"[27], איז דאס ניט נאר אן אור וואס איז נברא געווארן ביום ראשון דמעשה בראשית, נאר א סך א העכערער אור.

ו. עפ"ז איז אויך פארשטאנדיק דער ענין וואס בשבת חזון, מלשון מחזה, באווייזט מען לכאו"א המקדש דלעתיד:

פנימיות הכוונה פון דעם איצטיקן גלות איז, אז ע"י מעשינו ועבודתינו בזמן הגלות זאל מען מהפך זיין דעם גלות און צוקומען צו דער גאולה. וואס דעמולט ווערט דער עילוי באי"ע וואס איז דא בא בע"ת, דער עילוי וואס איז דא אין דער גאולה העתידה און אין דעם בית המקדש השלישי, הוכפל בו כי טוב, "כפליים לתושי'", ווארום מ'האט אויך מהפך געווען דעם גלות לקדושה.

בכדי צוגעבן כח ועידוד א אידן אין גלות אז ער זאל דאס אויפטאן - באווייזט מען אים בשבת חזון דעם מקדש דלעתיד ווי ער איז למעלה, על מנת דאס זאל אים ברענגען צו א הוספה אין עבודתו בכדי אראפברענגען דעם מקדש השלישי בפועל דא למטה.

דעריבער באווייזט מען דאס אים אין אן אופן פון "חזון" מלשון מחזה, לשון תרגום - ווייל מ'וויל אז אין גלות (וואס דאס איז דער ענין פון תרגום), זאל ער מהפך זיין דעם גלות, צו א מצב של גאולה ע"י עבודת התשובה, און דעמולט (בשעת ס'קומט די גאולה) ווערט נתגלה פנימיות הכוונה פון "חזון" - אז ס'ווערט נתגלה למטה דער ביהמ"ק השלישי (וועלכן מ'זעט בשבת חזון), מיט דער מעלה פון שלישי וואס איז דא אין דעם, מעלת התשובה, "כפליים לתושי'", מצד דעם וואס מ'האט מהפך געווען אויך דעם "רעה" "ליום ואור".

ז. ואע"פ אז "חזון" לשון תרגום, באווייזט טאקע אויף א ראי' דורך א לבוש - איז דאס דערפאר ווייל

- מ'געפינט -

------------

27) בראשית שם, ה.

מ'געפינט זיך נאך אין גלות, קען דארטן זיין ראיית ביהמ"ק דלעתיד נאר דורך א לבוש, אבער אין דער ראי' ליגט די גאנצע זאך (כדלקמן) און בתכלית העילוי. כמדובר לעיל די מעלה פון תשובה וואס איז אין דעם דא.

והביאור בזה איז ע"ד הביאור הידוע[28] אין דעם ענין פון "חכם עדיף מנביא"[29]. דלכאורה פרעגט זיך די שאלה ווי קען מען דאס זאגן?

איז מען מבאר: ביי א נביא איז דא ראי' מוחשית, ראיית המהות, משא"כ ביי א חכם איז דא נאר ראי' שכלית, השגת המציאות, דעריבער קען א חכם משיג זיין א סך העכער מיט ראי' שכליית ווי א נביא קען זען מיט ראי' מוחשית.

לע"ל וועט טאקע זיין "לא יכנף עוד מוריך"[30], ובלשון הקבלה[31], אז לע"ל וועט זיין דער גילוי פון פנימיות עתיק, וועט דעמולט א נביא קענען זען מיט ראי' מוחשית אין די העכסטע דרגות; משא"כ איצטער ווען ס'איז דא נאר דער גילוי פון חיצוניות עתיק, קען דערצו א נביא ניט דערגרייכן מיט נבואה, דערפאר איז דער ענין החכמה העכער פאר נבואה.

און ווי מ'איז מבאר אז אזוי איז דאס אין א נביא גופא, אז ביי אים איז דא דער חכם שבו און דער נביא שבו, און וויבאלד אז ראי' שכלית דערגרייכט העכער פון ראי' מוחשית בזמן הזה, איז ביי אים גופא דער חכם שבו עדיף ווי דער נביא שבו.

ועד"ז איז אויך דער ביאור בנדו"ד: היות אז מ'געפינט זיך נאך אין גלות קען טאקע ניט זיין קיין ראי' מוחשית (אן א לבוש) אין דעם מקדש דלעתיד (ווי ביי א נביא), אבער ביחד עם זה, וויבאלד אז ס'איז א ראי' דורך א לבוש (ע"ד ווי ראי' שכלית פון א חכם) קען דאס דערגרייכן העכער און טיפער ווי ע"י ראי' מוחשית (אן א לבוש).

לאידך גיסא איז אבער דא א מעלה נוספת אין דעם זען דעם מקדש דלעתיד בשבת חזון דערמיט וואס דאס איז ניט קיין ראי' שכלית, נאר א ראי' מוחשית (כאטש) מיט א לבוש.

- ח. -

------------

28) אגה"ק סי"ט (קכז, א ואילך). סהמ"צ להצ"צ (דרך מצותיך) קעב, ב ואילך. ובכ"מ. 29) ב"ב יב, א. 30) ישעי' ל, כ. 31) פע"ח ש' הק"ש פט"ו.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ח. עפ"ז - אז בשבת חזון באווייזט מען לכאו"א המקדש דלעתיד מיט א ראי' מוחשית - איז מובן דער חידוש גדול פון שבת חזון לגבי שאר כל השנה.

דלכאורה: בכל יום ויום במשך כל השנה כולה זאגט מען "לישועתך קוינו כל היום", און "ותחזינה עינינו בשובך לציון". און בשירת הים זאגט מען (בתפלת שחרית) "מקדש אד' כוננו ידיך"[32], ובמילא איז דעמולט שייך ראי' שכלית אין דעם ביהמ"ק - היינט וואס איז דער אויפטו פון שבת חזון, אז דעמולט באווייזט מען לכאו"א המקדש דלעתיד?

נאר דער חילוק איז: בכל השנה איז דא נאר ראי' שכלית, משא"כ בשבת חזון זעט מען דאס בראי' מוחשית, נאר ראי' מוחשית דורך א לבוש, "חזון", ראי' בלשון תרגום.

אבער אויך ראי' דורך א לבוש איז ראי' מוחשית, אז מ'זעט מהות הדבר.

ועד"מ משל - ראי' דורך ברילן: ברילן איז א לבוש וואס העלפט דעם מענטשן זען כדבעי (ס'איז ניט סתם א גלאז, ווייל אויב אזוי איז דאך ניטא קיין תועלת אין טראגן זיי), ביז אז צוליב דעם (וואס דאס העלפט זען כדבעי) מעג מען דאס טראגן שבת[33]. פסק'נט מען לדעת כו"כ אחרונים, אז אויף אן עניין וואס מ'דארף האבן ראי' מוחשית, קען מען דאס זען אויך דורך ברילן.

וואס דערפון זעט מען ווי ראי', אויך דורך א לבוש, איז א ראי' מוחשית, און מ'זעט עצם הדבר.

ט. איי איז די שאלה - אז מ'זעט דאך ניט דעם מקדש דלעתיד (בשבת חזון)?

די וואס זען טאקע - איז מה טוב ומה נעים, צוליב זיי דארף מען ניט האבן די גאנצע התוועדות;

אבער די וואס זען דאס ניט בראי' מוחשית - דארפן האבן א הסברה: לכאורה זעט מען דאס ניט?

- איז -

---

32) בשלח טו, יז. 33) מנחת שבת ספ"ד סק"ו. קצות השולחן סקט"ו סקט"ז. שו"ת צפנת פענח (דווינסק) ח"ב סי' לג.

איז דער ענטפער - אז "מזלייהו חזו"[34] ("חזו" ע"ד "חזון")!

איי איז די שאלה, וואס האט דאס צו טאן מיט אים אז "מזלייהו חזו"?! - זאגט מען אים: וויבאלד אז "מזלייהו חזו", פועל'ט עס אויף אים דא למטה אין א נשמה בגוף!

די וואס תואנה הם מבקשים פרעגן: וואו שטייט עס אין נגלה?!

זאגט עס די גמרא בפירוש אין דער סוגיא פון "מזלייהו חזו": אין פסוק[35] שטייט "וראיתי אני דניאל לבדי את המראה והאשנים אשר היו עמי (חגי זכרי' און מלאכי[36]) לא ראו את המראה, אבל חרדה גדולה נפלה עליהם גו'". איז די גמרא[37] מסביר אז "אע"ג דאינהו לא חזו מזלייהו חזו" און דאס האט אויף זיי גע'פועל'ט למטה א חרדה גדולה.

ד.ה. אז די חרדה וואס איז אויף זיי אנגעפאלן איז ניט געקומען דורך דעם וואס דניאל האט געזען דעם מראה האט ער זיי מסביר געווען וואס ער זעט, נאר דאס איז געקומען דורך דעם וואס "מזלייהו חזו", זייער מזל האט געזען.

דערמיט איז דער בעש"ט מבאר א ברייתא וואס איז לכאורה ניט פארשטאנדיק [און דוקא די בעלי נגלה וואס זאגן אז נאר בא זיי איז דעת תורה, שטעלן זיך ניט אפ אויף דעם]:

אויף דעם וואס חז"ל זאגן[38] אז "יצתה בת קול ואמרה שובו בנים שובבים", ועד"ז[39] "בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת כו'" - פרעגט דער בעש"ט[40]: וואס איז די תועלת אין דעם אז דער בת קול איז מכריז - ווען מ'הערט אים ניט?!

צוליב דעם עצם ענין דארף מען ניט אנקומען צו א בת קול, ווייל דער ענין איז דא אן דעם בת קול. דער

- אויפטו -

---

34) מגילה ג, א. 35) דניאל י, ז. 36) פרש"י שם (ממגילה שם). 37) שם. 38) חגיגה טו, א. 39) אבות פ"ו מ"ב. 40) לקו"ת תצא לו, ד. וראה ד"ה אריב"ל כו' בכל יום ויום תרפ"ח. ובכ"מ. וראה כש"ט סי' קמו. רנה. שס.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

אויפטו פון דעם בת קול איז בפשטות אז׳מ׳זאל אים הערן אין וועלט. איז אויב די וועלט הערט אים ניט - וואס איז די תועלת אין דעם?!

און ער ענטפערט אויף דעם - "היינו דמזלי׳ חזי הכרוז ומזה נמשך ג"כ הרגשה בנשמה שבגוף שנמשך לה מלמעלה מבחי׳ מזלי׳". ועד כדי כך פועל׳ט עס, אז ס׳איז כדאי מכריז זיין וועגן דעם בכל יום ויום!

י. ועד"ז איז אויך מובן בנוגע צו דעם וואס בשבת חזון באווייזט מען לכאו"א המקדש דלעתיד:

אפילו אויב מ׳זעט עס ניט, איז אבער זיין מזל שבנשמה זעט עס. און דאס פועל׳ט אויף אים ווי ער איז למטה. ער דארף זיך נאר פארבינדן מיטן מזל שבנשמה שלו, ע"י עבודתו. ווארום "לא בשמים היא"[41]: דער מזל שלו איז טאקע בשמים, אבער ער האט דעם כח זיך צו מקשר זיין מיטן מזל שבנשמה ביז אז דאס זאל אויף אים פועל׳ן אז ער זאל דאס זען בראי׳ מוחשית.

און דאס איז וואס מ׳האט פריער גערעדט, אז דאס וואס בשבת חזון באווייזט מען לכאו"א המקדש דלעתיד, איז בכדי נאך מער מעורר און מעודד זיין דעם אידן אז ער זאל נאכמער טאן עבודתו, וואס דורך דעם איז ער ממשיך דעם ביהמ"ק השלישי דא למטה.

וואס דאס איז דורך דעם וואס מ׳באווייזט דעם ביהמ"ק <u>אים</u> אליין ("מראין <u>לכאו"א</u> (בפרט) המקדש דלעתיד"), ניט א צווייטן און דער צווייטער דארף דאס אים מסביר זיין וכו׳, נאר מ׳באווייזט דאס אים.

ס׳איז נאר וואס אויב ער זעט עס דערווייל ניט, דארף ער זיך נאכמער פארבינדן מיטן מזל שבנשמתו ע"י עבודתו בתומ"צ, און דאס וועט אויף אים פועל׳ן דא למטה.

יא. וואס דאס איז די הוראה און דער לימוד פון שבת חזון:

בשעת ס׳קומט שבת חזון ווייסט דאך יעדער איד בפשטות דעם נאמען פון דעם שבת - "שבת חזון", על שם

- דער -

41) נצבים ל, יב.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

דער הפטורה פון דעם שבת, "חזון ישעיהו".

ובפרט בשעת מ'זאגט אדער מ'הערט און מ'לערנט די הפטורה בשבת זו, איז במכ"ש פון תורת הבעש"ט בנוגע לכל הענינים[42], דארף מען דערפון זיכער ארויסנעמען א הוראה בעבודת ה'.

און די הוראה איז - ווי ר' לוי יצחק בארדיטשע-ווער האט איבערגעגעבן און דערנאך האט מען דאס אפגע-דרוקט אין חסידות חב"ד [וואס דפוס איז דאך לדורי דורות, כפתגם הצ"צ[43]] - אז בשבת זו באוויזט מען לכאו"א המקדש דלעתיד, על מנת דאס זאל אים נאכמער מעורר און מעודד זיין צו טאן עבודתו.

און דאס באוויזט מען אים אליין, און אין זמן הגלות, און אין אן אופן פון "חזון", אז די גאולה נעמט דורך תרגום וגלות - דער ענין התשובה, ווי גערעדט פריער [וואס דאס איז אויך נרמז אין דעם צווייטן ווארט פון דער הפטורה "חזון ישעיהו", ווי עס שטייט אין די שיחות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[44], פון מדרשי חז"ל[45], אז דער שם הנביא, וואס דער שם איז אים מחי' כו', איז "ישעי'", על שם הענין פון ישועה וגאולה].

און וויבאלד אז מ'באוויזט דאס אים איז א זיכערע זאך אז ער זעט עס, ס'איז נאר וואס דאס איז אנגעטאן אין א לבוש, אבער אפילו אויב ער זעט עס ניט כפשוטו איז אבער "מזלייהו חזו" און דאס פועל'ט אויף אים למטה, ווי דער סיפור מיט דניאל הנ"ל. ער דארף זיך נאר פארבינדן מיטן מזל שבנשמתו און דעמולט ווערט דאס ביי אים בשלימות.

יב. די הוראה דערפון בפשטות:

איינער קען לכאורה טענה'ן: צוליב וואס דארף ער זען דעם מקדש דלעתיד בשבת חזון - ס'איז גענוג אז דער רבי, כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, זעט עס און ווייסט וועגן דעם, און איז דאס מסביר! און ער האט דעם הקב"ה

- עוזרו -

------------

42) כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות סי' קכח. וש"נ.
43) לקו"ש ח"ב ע' 522. 44) שיחת י"ג תמוז תש"ג (סה"ש תש"ג ע' 140). 45) ראה ב"ב יד, ב. זח"ב קעט, סע"ב. פרש"י ומצו"ד ישעי' מט, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

עוזרו[46] און "צדיקים דומים לבוראם"[47] - פארלאזט ער זיך אויפן רבי'ן!

לערנט אים שבת חזון - ניין! מ'באוויזט דיר דעם ביהמ"ק, און דו דארפסט אים זען! און דאס דארף פועל'ן אויף דיר, ביז אז דאס נעמט דורך דיינע כחות פנימיים, חב"ד שבנפש, ביז בחי' חכמה שבנפש! ווארום ס'איז "מזלייהו חזו", דיין מזל זעט עס און דאס דארף פועל'ן אויף דיר דא למטה.

און ווי די הוראה פון דעם סיפור הנ"ל מיט דניאל און חגי זכרי' ומלאכי, וואס דאס איז דאך א סיפור אין תורה, איז דאס זיכער א הוראה נצחית לכאו"א בכל מקום ובכל זמן:

ס'איז ניט דער פשט אז דניאל האט געזען די מראה און חגי זכרי' ומלאכי האבן דאס ניט געזען, און זיי האבן געדארפט אנקומען צו דניאל'ן. נאר "מזלייהו חזו", זייער מזל האט דאס געזען, ועד כדי כך ביז דאס האט גע'פועל'ט אויף זיי, אז ס'איז אויף זיי אנגעפאלן א חרדה.

ועד"ז איז אויך דער לימוד בנדו"ד:

ס'איז ניט מספיק וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר זעט דעם ביהמ"ק השלישי און ווייסט און פארשטייט און לערנט וועגן דעם, אבער דער איד וועט ניט לערנען דעם ענין, נאר ער וועט טאן מעשה בפועל, ער וועט ארומלויפן און טאן מצוות.

נאר מ'זאגט אים אז ער דארף עס זען און ס'דארף אריינגיין אין זיין פנימיות, ובמילא דארף ער דאס לערנען און פארשטיין בחב"ד שבנפשו.

און ס'איז ניט גענוג אז ס'וועט זיין "צדיק באמונתו יחי'"[48] (ניט "יחי'" נאר "יחי'")[49], אז דער צדיק וועט האבן אמונה און האבן אלע ענינים און **ער** (א זולת) וועט דערפון לעבן! נאר ער דארף אליין האבן אמונה און אליין לערנען. ווארום יעדער איד איז מחוייב בלימוד התורה.

- און -

---

46) קידושין ל, ב. 47) במדב"ר פ"י, ה. ועוד.
48) חבקוק ב, ד. 49) ראה לקו"ד ע' 282. לקו"ש ח"ב ע' 475. 500.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

און ער דארף לערנען ווי עס שטייט אין שולחן ערוך הל' תלמוד תורה און ווי דער אלטער רבי שרייבט אין תניא[50] אז יעדערער דארף לערנען תורה "כדת הניתנה לכל אחד ואחד בהלכות תלמוד תורה", און נאכמער ווי ער זאגט דארטן אז "אם ירחיב ה' לו כו' יוסף אומץ כו'".

ביז אז ער דארף לערנען לאסוקי שמעתא אליבא דהילכתא[51], אז פון דעם לערנען זאל דאס אראפקומען אין מעשה בפועל כדבעי ובשלימות.

און ווי מ'זעט עס בפועל, אז בשעת מ'לערנט אן ענין און מ'ווייסט די פרטים שבזה, גיט עס צו אן אנדער חיות לגמרי אין קיום המעשה בפועל, ווארום דאס האט דורכגענומען זיין פנימיות. משא"כ ווען ס'איז ביי אים דא נאר די מעשה בפועל אן דעם לימוד.

יג. ובנדו"ד - בנוגע צו דעם ענין פון שבת חזון:

ס'איז ניט גענוג אז כ"ק מו"ח אדמו"ר זעט דעם ביהמ"ק השלישי און ווייסט און לערנט וועגן דעם, נאר אזוי דארף זיין בא יעדן איינעם.

וואס דאס איז במיוחד דורך דעם וואס מ'לערנט און מ'איז זיך עוסק אין די הלכות וועגן ביהמ"ק, לערנען "צורת הבית ותכונתו ומוצאיו ומובאיו גו'"[52], וואס דער אויבערשטער זאגט אז דורך דעם לימוד ועסק אין "מוצאיו ומובאיו גו'" איז "בנין ביתי" ניט "בטל"[53].

וואס דאס קומט אויך בהמשך צו דער בקשה בשנים האחרונות אז בימים אלו, פון "בין המצרים" ובפרט פון די נייען טעג, זאל מען לערנען די ענינים פארבונדן מיטן ביהמ"ק, וועגן "מוצאיו ומובאיו גו'", וויבאלד אז דורך דעם טוט מען אויף אז "בנין ביתי" איז ניט "בטל", און ס'איז כאילו ווי מ'בויט אויף ביהמ"ק השלישי.

ואע"פ אז מ'לערנט די ענינים פארבונדן בפשטות מיטן בנין בית שני - שרייבט דאך אבער דער רמב"ם[54] "בנין העתיד אף שהוא כתוב ביחזקאל אינו מפורש ומבואר, ואנשי בית שני כשבנו בימי עזרא בנוהו כבנין



---

50) פל"ד (מג, ב). 51) יומא כו, א. 52) יחזקאל מג, יא. 53) תנחומא צו יד. ועוד. וראה לקו"ש חי"ח ע' 411 ואילך. וש"נ. 54) הל' ביהב"ח פ"א ה"ד.

הנחת התו' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

שלמה ומעין דברים המפורשים ביחזקאל".

וואס דערפון קומט אויס אז בשעת מ'לערנט "מוצאיו ומבואיו גו'" פון דעם ביהמ"ק ווי ס'שטייט אין מס' מדות - לערנט מען אויך "מוצאיו ומובאיו גו'" פון ביהמ"ק השלישי. והגם אז ניט אלץ איז דארטן "מפורש" (ווי דער רמב"ם שרייבט), און ס'וועט ערשט שפעטער נתגלה ווערן, זיינען דארטן אבער כמה ענינים יע מפורש (ווי זיי וועלן זיין אין ביהמ"ק השלישי).

בסגנון אחר קצת: ע"פ מ"ש הרמב"ם אז בית שני האט מען געבויט "ומעין דברים המפורשים ביחזקאל", וואס אין יחזקאל שטייט וועגן בנין בית העתיד, איז מובן, כמפורש ברמב"ם*, אז בשעת מ'לערנט די ענינים פארבונדן מיט בית שני, איז אין דעם שוין אויך דא ענינים וואס וועלן זיין אין ביהמ"ק השלישי. ובמילא איז דאס כאילו ווי מ'בויט אויף בית השלישי.

און ס'איז קיין פלא ניט אז אין יחזקאל, וואס איז כמה זמן פארן בנין בית העתיד, זאל שוין שטיין וועגן בנין העתיד (בית שלישי), און אז אין בית שני זאלן שוין זיין ענינים פון בית שלישי - ווי מ'געפינט בדוגמא לזה באם משכן און בית שלישי:

אין שירת הים שטייט "מקדש אד' כוננו ידיך". וואס דאס גייט אויפן ביהמ"ק השלישי. אעפ"כ פארבינדט מען דעם פסוק מיטן משכן אין מדבר (וואס איז באלד דערנאך אויפגעשטעלט געווארן). ווייל דער משכן איז בדוגמת בית שלישי: אזוי ווי בית שלישי וועט זיין א בית נצחי ("מקדש אד' כוננו ידיך"), איז אויך דער משכן א נצחי[55].

ועד"ז איז אויך בנוגע צום בית שני און בית שלישי. אז אין יחזקאל שטייט שוין וועגן דעם בית שלישי (ע"ד ווי אין שירת הים שטייט וועגן דעם), און ביחד עם זה האט מען געבויט דעם בית שני אויך "מעין דברים המפורשים ביחזקאל".

- ובמילא -

---

*) בהקדמתו לפיה"מ (בנוגע למס' מדות): והתועלת שיש במין ההוא (תוכן מס' מדות) כי כשיבנה (המקדש) במהרה בימינו יש לשמור ולעשות התבנית ההוא.

---

55) סוטה ט, סע"א. וראה תדבא"ר פי"ח. צפע"נ עה"ת ר"פ תרומה. ברכה לד, א.

ובמילא בשעת מ'לערנט די ענינים פארבונדן מיטן בית שני, איז דאס כולל אין זיך אויך ענינים פון בית שלישי, זאגט דער אויבערשטער אז דאס איז כאילו ווי מ'בויט אויף בית השלישי און "בנין ביתי" איז ניט "בטל".

און בשעת מ'לערנט וועגן די ענינים פון בית שלישי (און בית שני) נאך איצטער בזמן הגלות, איילט עס אויך צו די נצחיות פון בית שלישי (וועלכער איז א בית נצחי, כנ"ל),

ווארום ווי ג'ערעדט פריער, האט אין זיך דער בית שלישי די מעלה פון בעלי תשובה לגבי צדיקים, וויבאלד אז דאס קומט נאך גלות זה האחרון,

און דער רמב"ם איז מבאר[56] אז די מעלה פון א בעל תשובה אויף א צדיק באשטייט אין דעם, וואס א בע"ת האט אין זיך א קיום נצחי ווייל ער איז שוין דורכגעגאנגען נסיונות, במילא ווייסט מען אז ער וועט אלעמאל שטיין שטארק על מעמדו. וע"ד א שטר שיצא עליו ערעור אין צריך לקיימו[57]; משא"כ א צדיק, וואס ער איז ניט דורגעגאנגען די נסיונות, קען מען ניט וויסן ווי ער וועט ביישטיין א נסיון. ער איז טאקע בחזקת כשרות, אבער מ'איז ניט זיכער וואס וועט זיין שפעטער. הייסט עס אז א בע"ת האט אין זיך דעם עילוי פון קיום נצחי, וואס ווערט ניט בטל.

ועד"ז איז אויך בנוגע צום ביהמ"ק השלישי וועלכער איז בדוגמת הענין פון בעל תשובה, כנ"ל, א בית נצחי.

און דאס ווערט אויפגעטאן דורך מעשינו ועבודתינו בזמן הגלות, אז דורך דער עבודה פון א אידן בזמן הגלות איז מען מהפך דעם גלות, און מ'ברענגט די גאולה שאין אחרי' גלות, א גאולה נצחית מיט א בית נצחי, דער ביהמ"ק השלישי, וואס אויף אים איז מער ניט שייך קיין "ערעור" וויבאלד אז מ'איז שוין אדורך דעם גלות.

טו. וע"ד ווי גערעדט פריער בשייכות צו לימוד התורה אין דעם חלק פארבונדן מיט בנין ביהמ"ק, אז ס'איז ניט מספיק מ'זאל זיך פארלאזן אויף כ"ק מו"ח אדמו"ר וואס ער זעט דעם ביהמ"ק בשבת חזון, נאר מ'דארף דאס אליין זען און לערנען וועגן דעם וכו' -

- עד"ז -

---

56) בהקדמתו לפיה"מ. 57) ראה טושו"ע חו"מ ר"ס מו.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

SichosKodesh.com

עד"ז איז דאס אויך אין אלע ענינים פון תומ"צ, אז מ'טאר זיך ניט מסתפק מיט דעם וואס א צווייטער טוט עס, נאר מ'דארף אין דעם אליין טאן, און לערנען דעם חלק בתורה וועגן דעם.

וואס דאס איז א הוראה כללית אין עבודת האדם אין אלע ענינים - אז ס'איז ניט גענוג די אמונה אין א צווייטן אז יענער האט אלץ און פארשטייט אלץ, נאר ס'דארף זיין עבודת עצמו, יעדער זאך דארף ביי אים אריינגיין און דורכנעמען זיין פנימיות.

ועד"ז אויך אין די ענינים וואס זיינען במיוחד נוגע בימים אלו - "ציון במשפט תפדה ושבי' בצדקה"[58], לימוד התורה, ובפרט חלק המשפט שבתורה, הלכתא[59], און נתינת הצדקה,

אז מ'דארף אין דעם אליין טאן בשלימות, און ניט פארלאזן זיך אז א צווייטער וועט עס טאן.

בשעת ס'קומט צו לימוד התורה - קען ער טענה'ן: וואס דארף ער אראפנעמען פון זיין צייט און זיך זעצן לערנען תורה וועו ער קען טאן אין מצוות?! ער וועט זיך פארלאזן אויף א צווייטן וואס איז גרעסער פאר אים, אז יענער לערנט תורה, ער אליין דארף אבער ניט לערנען, נאר ער וועט א גאנצן טאג טאן אין מצוות מעשיות, מעשה בפועל.

איי בכדי צו וויסן המעשה אשר יעשון דארף מען לערנען תורה - וועט ער פרעגן ביי א צווייטן וואס האט געלערנט!

זאגט מען אים - ניין, תורה הייסט דיר לערנען און דו זאלסט פארשטיין!

וואס דאס איז א הוראה סיי בנוגע צו לערנען נגלה דתורה און סיי בנוגע צו פנימיות התורה:

ער טראכט אז ער וועט טאן נאר מעשה בפועל, אבער לערנען די דינים וועגן דעם - וועט ער זיך פארלאזן אויפן רב. און ער וועט ביי אים פרעגן דעם דין. זאגט מען אים אז ער דארף אליין אויך לערנען.

עד"ז אין פנימיות התורה:

דער רמב"ם פסק'נט[60] אז אהבת ה' און יראת ה' איז



---

58) ישעי' א, כו. 59) ראה לקו"ת ר"פ דברים.
60) הל' יסוה"ת רפ"ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

א מצוה. און ער איז ממשיך: איך א פס"ד ברור "והיאך היא הדרך לאהבתו ויראתו, בשעה שיתבונן האדם במעשיו וברואיו הנפלאים הגדולים כו׳". וואס דאס איז בפשטות - דורך לימוד החסידות.

טענה׳ט ער אז ער וועט זיך פארלאזן אז כ"ק מו"ח אדמו"ר איז זיך מתבונן אין גדלות הבורא. און ער וועט טאן אין מעשה בפועל.

זאגט מען אים, אז ס׳איז פאר אים א מצוה צו האבן אהבת ה׳ און יראת ה׳, און ס׳איז א קלארער פס"ד אין רמב"ם אז בכדי דערצו צוקומען דארף מען זיך מתבונן זיין אין גדלות הבורא, און ניט אז א צווייטער זאל פאר אים זיך מתבונן זיין, ווארום ער אליין דארף דאך האבן אהבה ויראה - איז וואס וועט העלפן א צווייטן׳ס התבוננות אין גדלות הבורא פאר דעם מענטשן׳ס אהבה ויראה?!

דארף ער אליין זיך אין דעם מתבונן זיין, דורך אליין לערנען פנימיות התורה.

יד. ועד"ז איז די הוראה כללית אין עבודת האדם אין אלע ענינים פון תומ"צ, אז מ׳טאר זיך ניט מסתפק מיט דעם וואס א צווייטער טוט עס, נאר מ׳דארף אין דעם אליין טאן, און לערנען דעם חלק בתורה וועגן דעם.

אנהויבנדיק במיוחד בימים אלו (כנ"ל) אין "ציון במשפט תפדה ושבי׳ בצדקה", תורה און צדקה, וואס צדקה איז פארבונדן מיט אלע מצות, "רחבה מצותך מאד"[60*], ווי דער אלטער רבי רעדט אין תניא[61].

און אין אלע ענינים פארבונדן במיוחד מיט ימים אלו - אנהויבנדיק פון דעם ענין פון אהבת ישראל, וואס אפילו אויב אים דוכט זיך אויס אז דאס איז אהבת חנם - איז דאס מבטל דעם "מפני חטאינו" (די סיבה פון "גלינו מארצינו")[62], וואס דאס איז געווען שנאת חנם[62*].

און דערנאך קומט מען צו דעם ענין פון חינוך, חינוך עצמו און חינוך הזולת.

און דערנאך - תורה, תפילין, וואס הוקשה כל התורה כולה לתפילין[63], מזוזה, צדקה, בית מלא ספרים -

- יבנה -

---

*60) תהלים קיט, צו. 61) פל"ז (מח, ב). וראה אגה"ק סי"ז (קכה, א). 62) נוסח תפלת מוסף דיו"ט. *62) יומא ט, ב. 63) קדושין לה, א.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

תניא. ועד כדי כך - אז אויך איצטער (וואס שעהיוה"א איז חלק ב') איז געבליבן געשריבן אין הקדמה לשעהיוה"א "כמו שיתבאר" אויף אן ענין וואס ווערט נתבאר בהנ"ג פרקים דחלק ראשון דתניא].

דער פירוש אין "חזון" איז - ראי', זען.

און אין דעם איז אויך דא דער עילוי אז עס הייסט ניט "ראי'" בלשון הקודש, נאר "חזון" בלשון ארמי, וואס דאס באווייזט אז דער ענין פון ראי' בשבת זה ווערט נמשך ביז אין א לשון פון אוה"ע, אין ענין הגלות, ד.ה. אז אויך אין גלות האט מען דעם ענין הראי'.

ואע"פ אז "חזון" איז א חלק פון לשון הקודש, איז דאס אבער ניט ווי לשון קודש איז מצ"ע, נאר ווי אין לשון קודש עצמו איז דא א ווארט פון תרגום וארמי, און דערפון ווערט עס נמשך אין לשון אוה"ע ממש.

וואס דאס איז כללות ההסברה ווי די לשונות דאוה"ע ווערן נמשך פון לשון הקודש, און ווי מ'טוט אויף בירורם -היות אז אין לשון הקודש עצמה זיינען דא ווערטער בלשון תרגום וארמי, ווערט עס א ממוצע פון וועלכן עס ווערט נמשך אין לשונות דאוה"ע ממש. ובזה יש לבאר כו"כ ענינים בענין זה, און אויך דברי אחרונים[22] בנוגע צו ווערטער פון תרגום וואס שטייען אין תורה, ווי "טטפת"[23], "טט בכתפתי שתים פת באפריקי שתים"[24], "יגר שהדותא"[25] ועוד.

אבער ביחד עם זה, בשעת דער ווארט ווערט א ווארט אין תרגום וארמי, איז דאס ניט לשון קודש, ווי מ'זעט בכמה ענינים בהלכה אז מ'איז ניט מערב צוויי לשונות, לשון הקודש ולשון ארמי וכיו"ב.

עד"ז מובן בנוגע צו "שבת חזון" - דאס באווייזט אז דער ענין הראי' בענין זה האט אין זיך דעם עילוי אז דאס ווערט נמשך פון לשון הקודש אין לשון דאוה"ע, ד.ה. אין ענין הגלות.

ד. וואס זעט מען בשבת חזון?

איז ידוע וואס עס שטייט בשם פון ר' לוי"צ בארדיטשעווער - דער אוהב ישראל הידוע, געבראכט בדרושי ר' הלל פאריטשער בענין שבת חזון[26] [וואס ביי אים איז ניט נאר געווען התקשרות צו רבותינו נשיאינו, נאר כידוע אז ער איז געווען "אינגאנצן" דעם

---

22) של"ה תס, ב. הובא באוה"ת ואתחנן ע' שכז. 23) בא יג, טז. ואתחנן ו, ח. 24) פרש"י שם. מסנהדרין ד, ב. 25) ויצא לא, מז. וראה פרש"י שם.
26) נעתק באוה"ת נ"ך ח"ב ע' א'צז בהערה.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

צמח-צדק'ס, ביז אז דער צ"צ האט אים געמאכט פאר זיין שליח, וואס א שליח ע"פ תורה איז שלוחו של אדם כמותו[27], ביז כמותו ממש[28], וכמדבור כמ"פ די דרגות בזה[29], און די תורה איז שוין געדרוקט, וידוע אז דפוס איז לדורות[30], עאכו"כ לדור ווען ס'איז געדרוקט געווארן:

"שבת חזון לשון מחזה, שמראין לכאו"א המקדש דלעתיד". און ער גיט אויף דעם א משל: "מאב שיש לו בן יקר ועשה לו מלבוש יקר להתלבש בו ומצד שלא נזהר הבן באותו בגד ועשה מעשים אשר לא יעשו קרע אותו לכמה קרעים. ועשה לו פעם שני לבוש וקרע אותו ג"כ. מה עשה האב עשה לו לבוש שלישי ולא נתן לו ללבוש אותו רק גנזו ולפרקים רחוקים ידועים מראה לו הלבוש, ואומר לו ראה שאם תתנהג בדרך הישר ינתן לך לבוש זה ללבוש אותו (ומצד זה מרגילו לילך בדרך הישר עד שיוודע בו שנעשה אצלו כמו טבע אז יתן לו הלבוש להלביש אותו כי אז אינו ירא ממנו פן יחזור לסורו מאחר שנעשה כמו טבעי')".

וואס דא זעט מען בהדגשה די נקודה הנ"ל בזכותם וטובתם של ישראל: דעם ענין הנ"ל - וויבאלד אז חורבן המקדש איז על מנת לבנות דערפאר איז דער חורבן בגדר "בנין", און אין דער ירידה בגלות איז א חלק פון דער עלי' נעלית שבאה ע"י - דריקט זיך אויס בגלוי בשבת חזון, ווען נאך זייענדיק אין גלות, לפני תיקון החורבן והגלות בגלוי (וואס וועט זיין בביהמ"ק השלישי לע"ל), זעט א איד דעם מקדש דלעתיד, דעם בנין יותר טוב (ווי די פריערדיקע בתי מקדשות), וואס איז די פנימיות הכוונה והתכלית פון דעם גאנצן חורבן וירידה.

בגלוי בגשמיות העולם וועט עס נתגלה ווערן לע"ל, אבער א איד זעט עס שוין איצטער!

ה. וואס דערביי איז דא א חידוש:

דער רמב"ם פסק'נט בהל' בית הבחירה[31] "בנין העתיד להבנות אע"פ שהוא כתוב ביחזקאל אינו מפורש ומבואר". ד.ה. אז אע"פ וואס כמה פרטים וענינים במקדש דלעתיד וועט מען בויען (ווי אין משכן, און בעיקר) ווי ס'איז "כתוב ביחזקאל", ווייסט מען אבער

---

27) ברכות לד, ב (במשנה). קידושין מא, ב. וש"נ. 28) לקו"ת ויקרא א, ג. וכ"ה לשון הריב"ש בתשובותיו סרכ"ח. ועוד. 29) ראה בארוכה לקח טוב (להר"י ענגיל) כלל א. וראה שו"ע אדה"ז או"ח סי' רס"ג סכ"ה בקו"א. 30) אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' שפב. לקו"ש ח"ב ע' 522. 31) פ"א ה"ד.

הנחת הת' בלתי מוגה

ניט אלע פרטים, ווייל "אינו מפורש ומבואר", און מ'וועט דארפן אנקומען צו די נביאים לע"ל אז זיי וועלן מברר זיין די פרטים וואס "אינו מפורש ומבואר ביחזקאל, ונוסף לזה - די ענינים וואס שטייען בכלל ניט אין יחזקאל. היינט ווי קען מען זאגן אז בשבת חזון נאך בזמן הגלות "מראין לכאו"א המקדש דלעתיד", וואס דאס מיינט בפשטות אז מ'זעט דעם גאנצן ביהמ"ק מיט אלע זיינע פרטים?!

אעפ"כ זאגט מען - אז אזוי, אזוי איז די מציאות[32], אז בשבת חזון נאך בזמן הגלות "מראין לכאו"א המקדש דלעתיד"!

מ'גיט עס אים טאקע ניט אפ בגשמיות בגלוי, ווייל אויף דעם דארף מען אנקומען לעבודת האדם (כדלקמן), ווי אין דעם משל הנ"ל, אז וויבאלד ער האט צעריסן די ערשטע צוויי לבושים, "מה עשה האב עשה לו לבוש שלישי ולא נתן לו ללבוש אותו רק גנוז ולפרקים רחוקים ידועים מראה לו הלבוש, ואומר לו ראה שאם תתנהג בדרך הישר ינתן לך לבוש זה ללבוש אותו", "ומצד זה מרגילו לילך בדרך הישר עד שיוודע בו שנעשה אצלו כמו טבע אז יתן לו הלבוש להלביש אותו כי אז אינו ירא ממנו פן יחזור לסורו מאחר שנעשה כמו טבעי'" -

אבער ביחד עם זה, וויבאלד אז דער חורבן ביהמ"ק איז געווען סותר על מנת לבנות (ובנין יותר טוב), איז דאס א גדר אין "בנין", און בפנימיות הירידה דגלות האט מען די עלי' אויך בזמן הגלות (ע"י שמחשבתו של אדם שם הוא נמצא, כנ"ל), און נאכמער - בשבת חזון זעט מען עס בגלוי, ווארום דעמולט באווייזט מען "לכאו"א המקדש דלעתיד".

און כאטש דער איד האט עס ניט בגלוי בגשמיות העולם - איז אבער בידו צו תשובה טאן בשעתא חדא וברגעא חדא[33] און דורך דעם "מיד הן נגאלין"[34], כמאמר אדה"ז הידוע[35] - "איתא בתיקונים[36] שאפילו אם הי' צדיק אחד חוזר בתשובה שלימה בדורו הי' בא משיח", און דער ביהמ"ק השלישי וועט נתגלה ווערן בגלוי בגשמיות העולם.

און וויבאלד אז "מראין לכאו"א המקדש דלעתיד", און ס'איז בידו פון א אידן צו תשובה טאן און גלייך אראפברענגען דעם ביהמ"ק דא למטה - קומט אויס אז ער האט איצטער בזמן הגלות דעם גאנצן ענין!

---

32) ראה לקו"ש חכ"א ע' 334 ובהערה 88. 33) זח"א קכט, א ואילך. 34) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה. 35) מאמרי אדה"ז הקצרים ע' תג. בונה ירושלים סי' פד. 36) ראה ז"ח ס"פ נח.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ו. והביאור בזה איז מובן פון דעם משל פון רבי'ן מהר"ש[37]. בנוגע צו שכר אויף כללות מעשינו ועבודתינו בזמן הגלות - אז "באמת ישנם גם עכשיו כל ההמשכות (וואס ווערן אויפגעטאן ע"י קיום המצוות ולימוד התורה) אך אינם מאירים בגילוי, וה"ז כמשל מי שיש לו עושר מופלג והוא גנוז בתיבה, והגם כי אינו רואה אותם ואינו נושאם אתו בעת הילוכם, מ"מ ישנם, כמו"כ כל ההמשכות שממשיכים ע"י התומ"צ ישנם גם עכשיו, רק שהם גנוזים באצילות ולע"ל יתגלה למטה ג"כ בעשי' כו'".

ד.ה. אז שוין איצטער בזמן הגלות (בשעת מ'טוט די עבודה) באקומט א איד דערפאר שכר, נאר ער באקומט עס כמשל ווי אן עושר מופלג וואס איז גנוז בתיבה חתומה (דערפאר זעט מען איצטער ניט דעם שכר בגלוי), און מ'גיט אפ דעם אידן דעם שליסל צו דער תיבה, במילא איז דאס אינגאנצן זיינע א זאך.

און ס'איז מוכרח אזוי זאגן (אז ער באקומט דעם שכר בתיבה און דעם מפתח צו דער תיבה):

דורך מעשינו ועבודתינו בזמן הגלות מאכן אויף אידן א דירה לו ית' בתחתונים, ד.ה. אז א איד איז אזוי ווי א פועל ושכיר און הקב"ה איז אזוי ווי דער בעה"ב.

און וויבאלד אז "מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל"[38], אז דער אויבערשטער איז מקיים כביכול די מצוות וואס ער זאגט אן אידן[39], איז דערפון מובן אז אזוי ווי א בעה"ב דארף אפצאלן שכר א פועל גלייך נאכדעם ווי ער טוט אפ זיין ארבעט (בערב), אזוי אויך פירט זיך דער אויבערשטער - איז מוכרח צו זאגן אז דער אויבערשטער צאלט אפ אידן שכר אויף מעשינו ועבודתינו (צו אויפמאכן א דירה לו ית' בתחתונים) ניט ערשט א משך זמן לאחרי העבודה (ערשט...לע"ל!), נאר זיכער דארף ער עס אפצאלן בסוף כל יום עבודתו, נאכדעם ווי "יצא אדם לפעלו ולעבודתו עדי ערב"[40], אדער בסוף כל העבודה שלו.

און דאס וואס "כל יומא ויומא עביד עבידתי'"[41] - איז דאס ניט נוגע צום אפצאלן שכר פאר היינטיקער עבודה, נאר בכל יום דארף ער אפצאלן דעם שכר אויף דער עבודה דיום זה.

---

37) ד"ה ביום השמיני תרכ"ט (סה"מ תרכ"ט ע' רט). וראה גם ד"ה הנ"ל עטר"ת (סה"מ עטר"ת ע' תסח). 38) תהלים קמז, יט. 39) שמו"ר פ"ל, ט. ירושלמי ר"ה פ"א ה"ג. 40) תהלים קד, כג. 41) זח"ג צד, ריש ע"ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

ובפרט ע"פ הידוע אז אין שכר זיינען פאראן צוויי אופנים[42]: בדרך סגולי, וואס איז שלא בערך צו דער עבודה פון א אידן; און בדרך טבעי, סיבה ומסובב, אדער א שכר וואס איז עכ"פ בערך עבודת האדם. איז זיכער אז דעם שכר באופן פון סיבה ומסובב דארף דער אויבערשטער אפצאלן גלייך לאחרי העבודה (און ניט ערשט לע"ל).

דעריבער איז מוכרח לומר ווי דער משל פון רבי'ן מהר"ש, אז מ'באקומט טאקע דער שכר איצטער (תיכף לאחרי ווי מ'טוט די עבודה).

אבער מ'באקומט עס אין א תיבה חתומה (ניט אין א תיבה פתוחה) - ווייל[43] אויב דער אויבערשטער וואלט עס אפגעצאלט בתיבה פתוחה, ווערט עס דעמולט "שנים אשר תאמר אין לי בהם חפץ"[44], ניטא קיין יצר הרע, ובמילא איז ניטא קיין עבודה פון אתהפכא וויבאלד ס'איז ניטא קיין אתכפיא. און וויבאלד אז דער אויבערשטער וויל אז א איד זאל האבן טוב בשלימות - איז צוליב זיין טובה (מיט א טי"ת) צאלט אים דער אויבערשטער זיין שכר ניט באופן גלוי בתיבה פתוחה (וואס איז שולל עבודת האדם), נאר ער גיט עס אים בתיבה חתומה.

אבער ס'איז מוכרח אז ער צאלט אים אפ דעם שכר, במילא גיט ער אים די תיבה חתומה צוזאמען מיטן שליסל צו דער תיבה, במילא איז די תיבה מיטן שכר בתוכו - ברשות ותחת בעלות פון דעם אידן, ווי דאס איז ע"פ דין אז בשעת מ'גיט איינעם אפ א תיבה מיטן מפתח איז דאס זיינע א זאך.

אי איז די שאלה וועגן עפענען די תיבה - איז דאס זיינע (דעם אידנ'ס) א זאך: אויב ער וויל קען ער עס עפענען, ווייל ער האט דעם שליסל אין האנט!

ז. עד"ז וועט מען פארשטיין בנוגע דערצו וואס בשבת חזון "מראין לכאו"א מקדש דלעתיד":

שוין בזמן הגלות האט א איד דעם גילוי פון דעם מקדש דלעתיד, ווייל דאס איז די כוונה פנימית פון ירידת הגלות (סותר על מנת לבנות). נאר בכדי ער זאל אויך האבן די טובה פון ממשיך זיין דעם ביהמ"ק למטה בגשמיות העולם ע"י עבודתו, ווייזט מען עס אים אין אן אופן פון דעם משל, ע"ד ווי דער עושר מופלג המונח בתיבה חתומה און מ'גיט אים אפ דעם שליסל און ווען ער וויל קען ער עס

---

42) ראה של"ה יב, א ואילך. 43) ראה סה"מ תרכ"ט שם. 44) קהלת יב, א. שבת קנא, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

עפענען און מגלה זיין בעולם.

וואס דאס איז דער תוכן פון דעם משל (אויף "מראין לכאו"א המקדש דלעתיד" בשבת חזון) פון דעם לבוש (השלישי) וואס "לפרקים רחוקים ידועים מראה לו הלבוש":

בכדי עס זאל ניט שטערן לעבודת האדם (אתכפיא ואתהפכא כו'), באווייזט מען (נאך בזמן הגלות) "לכאו"א המקדש דלעתיד" ווי אנגעטאן אין א משל (פון א לבוש), וואס איז ווי א לבוש להמלובש בו.

א משל ע"פ תורה האט אין זיך צוויי ענינים: פון איין זייט איז דאס ניט דער נמשל אליין, דער נמשל אליין שטייט ניט בגלוי, מערניט ווי אנגעטאן אין א משל.

לאידך גיסא: א משל ע"פ תורת אמת איז ניט קיין פרעמדע זאך פון דעם נמשל, נאר דאס איז א משל אמיתי אויף דעם נמשל, און דער משל איז מכוון צום נמשל, ווי חסידות איז מפרש*44 - מכוון בכל הפרטים צום נמשל. נאר מפני קוצר המשיג קען מען אים ניט געבן צו פארשטיין דעם נמשל אליין, דערפאר גיט מען עס אים אנגעטאן אין א משל וואס איז לפי ערך הבנתו והשגתו, און אין דעם משל געפינט זיך אנגעטאן דער גאנצער נמשל כמו שהוא, און ע"י דעם משל קומט ער צו פארשטיין אלץ מערער און מערער פון נמשל ביז ער פארשטייט בהבנה והשגה דעם גאנצן נמשל בשלימותו.

ועד"ז איז פארשטאנדיק בנוגע דעם משל הלבוש וואס דער בארדיטשעווער גיט אויף דעם וואס בשבת חזון (נאך בזמן הגלות) "מראין לכאו"א המקדש דלעתיד":

מ'גיט עס יעדערן זען דורך א משל פון דעם לבוש, וואס דערביי איז דאס טאקע אנגעטאן אין א משל (בכדי עס זאל זיין לפי ערך האדם), ע"ד ווי דער עושר מופלג איז אין דער תיבה חתומה;

אבער ביחד עם זה איז דאס א משל אמיתי שמכוון בכל הפרטים צום נמשל, אין דעם משל געפינט זיך כל הנמשל, וע"י המשל קומט מען צו נעמען און פארשטיין בפנימיות בהבנה והשגה דעם גאנצן נמשל. בנדו"ד - ע"י זען דעם לבוש (ווי אין דעם משל) נעמט מען און מ'איז תופס דעם גאנצן מקדש דלעתיד עם כל הפרטים וואס איז אנגעטאן אין דעם לבוש, ע"ד ווי מ'גיט אים אפ די גאנצע תיבה עם כל מה שבתוכה (דעם שכר והמשכות וואס ווערן נמשך ע"י מעשינו ועבודתינו), און נאכמער - מ'גיט אים אפ דעם שליסל צו דער תיבה,

---

*44) ראה לקו"ש חט"ז ע' 529. וש"נ.

ד.ה. אז בו הדבר תלוי צו עפענען די תיבה און מגלה זיין דעם מקדש דלעתיד וואס איז מלובש איצטער אין משל ולבוש.

וואס דאס איז דער תכלית פון דעם משל - א לבוש צו דעם דבר שכל בכדי אז דער אדם וואס קען נאך ניט פארשטיין דעם נמשל אליין, זאל ער עס קענען תופס זיין בהבנה והשגה דורכן משל אין וועלכן ס'איז אנגעטאן דער גאנצן נמשל.

אויף אן ענין של אמונה דארף מען ניט האבן קיין משל. וויבאלד אז אידן זיינען "מאמינים בני מאמינים"[45], און מ'גלויבט אין א זאך אז אזוי איז דער אמת - דארף מען אויף דעם ניט האבן קיין משל, און א משל וועט דערצו גארניט צוגעבן. נאר בשעת ס'רעדט זיך וועגן הבנה והשגה אין דער זאך, דעמולט דארף מען האבן א משל געבן דאס צו פארשטיין צו אזא וואס איז נאך ניט שייך צו פארשטיין דעם נמשל אליין.

ח. ע"פ הנ"ל האט מען א קצת ביאור אויף דער שאלה הנ"ל (ס"ה), אז ביז לע"ל וועט מען ניט וויסן אלע פרטים פון דעם מקדש דלעתיד, היינט ווי זאגט מען אז בשבת חזון בזמן הזה באווייזט מען "לכאו"א המקדש דלעתיד"?

ווייל מ'באווייזט ניט דער מקדש כמו שהוא, נאר ווי דאס איז מלובש אין א משל, און אין משל זעט דער מענטש ניט בגלוי כל הפרטים (אע"פ וואס בהעלם זיינען זיי דארטן דא).

נוסף לזה קען מען עס מבאר זיין - ע"פ המבואר בכ"מ[45*] בהחילוק בין ראי' לשמיעה:

בא שמיעה הויבט אן דער מענטש פון הערן איין פרט, דערנאך א צווייטן פרט וכו', און דערנאך איז ער זיך מתבונן אין די פרטים און שטעלט זיי צוזאמען און דערפון האט ער ארויס א כלל. בא ראי' איז פונקט פארקערט: לכל לראש זעט ער בשטחיות כללות הענין כולל כל הפרטים בזה, און ערשט דערנאך איז ער זיך מסתכל ומתבוננן בהפרטים, און זעט דער יחס ביניהם און ווי זיי זיינען אויסגעשטעלט וכו'.

עפ"ז איז מובן אז בשעת "מראין לכאו"א המקדש דלעתיד" בשבת חזון - אן ענין של ראי' (ניט שמיעה) - זעט מען לכל לראש בשטחיות נאר כללות הענין, ניט פאנאנדערקלייבנדיק זיך אין די פרטים שבזה, און בזמ"ה זיינען די פרטים ניט "מפורש ומבואר".

---

45) שבת צז, א. ובכ"מ. *45) ראה המשך תער"ב ח"א ע' כט ואילך. ע' תקנח. סה"מ תרס"ח ע' ריא. ובכ"מ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ערשט לע"ל (ווען דער ביהמ"ק השלישי וועט אויפגעשטעלט ווערן בגשמיות העולם בגלוי) וועלן זיין מפורש ומבואר אויך די פרטים שבזה.

ט. מ'דארף נאר אבער פארשטיין:

פארוואס גיט מען דעם משל אויף דעם פון א "מלבוש יקר", "אב שיש לו בן יקר ועשה לו מלבוש יקר להתלבש בו, ומצד שלא נזהר הבן באותו בגד ועשה מעשים אשר לא יעשו קרע אותו לכמה קרעים. ועשה לו פעם שני לבוש וקרע אותו ג"כ. מה עשה האב עשה לו לבוש שלישי ולא נתן לו ללבוש אותו רק גנזו ולפרקים רחוקים ידועים מראה לו הלבוש, ואומר לו ראה שאם תתנהג בדרך הישר ינתן לך לבוש זה ללבוש אותו" - דלכאורה: ע"פ הנ"ל אז דער משל איז מכוון בכל הפרטים להנמשל - ווי שטימט דער משל פון א לבוש ובגד אויפן נמשל, דער חורבן פון די צוויי בתי מקדשות און דער בית המקדש השלישי וואס "מראין לכאו"א המקדש דלעתיד", אז מ'באוויזט אים א בית (המקדש), ניט א לבוש?

נאכמער: ער האט דאך געקענט געבן דעם זעלבן משל מיט א בית, אז דער אב האט געגעבן דעם בן א בית יקר, און דער בן האט עס מהרס געווען אדער ניט געפירט זיך בכבוד המתאים לזה. דערנאך האט ער אים געגעבן א בית שני, און ווייטער איז געווען אזוי. "מה עשה האב, עשה לו בית שלישי ולא נתן לו, רק גנזו ולפרקים רחוקים ידועים מראה לו הבית" - וואס דעמולט איז דער משל מתאים במכוון צום נמשל - פריער האט דער אויבערשטער געגעבן צוויי בתי מקדשות, וועלכע זיינען דוקא בית (ניט ווי דער משכן וואס איז "ואהי' מתהלך באוהל"[46]), און אויף די ביידע בתי מקדשות גייט דער משל פון די ערשטע צוויי בתים וועלכע זיינען חרוב געווארן.

און אויף די צוויי בתי מקדשות שטייט[47] "המשכן משכן - שני פעמים, רמז למקדש שנתמשכן בשני חורבנין". ולאחרי ווי נחרבו די ערשטע צוויי בתים - האט דער אויבערשטער געמאכט א בית שלישי, דער מקדש דלעתיד, ולפעמים רחוקים "מראין לכאו"א המקדש דלעתיד"?!

אעפ"כ, מאיזה סיבה שתהי', גיט מען דעם משל פון א לבוש. וועט מען עס פארשטיין בהקדים דעם לימוד מכל זה, וכדלקמן.

י. מהמבואר לעיל איז פארשטאנדיק דער לימוד ועילוי וואס איז דא בשבת חזון - לטובתם ושבחם של ישראל:

---

46) שמואל ב ז, ו. 47) פרש"י ר"פ פקודי. וראה לקו"ש חט"ז ע' 465 ואילך. וש"נ.

בשבת חזון "מראין לכאו"א המקדש דלעתיד". וכאמור לעיל, דאס דריקט אויס בגלוי דעם כללות הענין אז (ניט נאר וואס מקדים רפואה למכה, נאר די "מכה" אליין) חורבן ביהמ"ק וגלות איז בפנימיות אן עלי' וגילוי הכי נעלה פון גאולה (וויבאלד אז ס'איז סותר על מנת לבנות, במילא איז דאס בגדר "בנין"), און אין מעשינו ועבודתינו בזמן הגלות זיינען שוין דא די גילויים וענינים דלע"ל.

און דער מקדש דלעתיד באווייזט מען בשבת חזון "לכאו"א", צו יעדן אידן, ניט נאר גדולים, נאר אויך צו אנשים פשוטים, און צו קינדער, קליינע אינגעלעך און מיידעלעך - יעדערן פון זיי באווייזט מען דעם מקדש דלעתיד!

וכפירוש הפשוט אין דעם נאמען פון דעם שבת - ווי ער ווערט אנגערופן ע"י כולם, אויך קליינע קינדער - "שבת חזון", וואס מיינט בפשטות אז מ'זעט.

פרעגט די קליינע מיידעלע שהגיעה לחינוך: וואס זעט זי? זאגט מען איר: דעם מקדש דלעתיד! און אזא זען וואס קומט אראפ אין לשון ארמי - אין לשון פון גלות - "חזון".

פרעגט זי ווייטער: זי זעט דאך אבער ניט? ענטפערט מען איר: זען - זעסטו, נאר דו מיינסט אז דו זעסט אן אנדער זאך, ווען באמת איז דאס דער מקדש דלעתיד! ד.ה. דו ווייסט ניט אז דאס וואס דו זעסט איז דער מקדש דלעתיד. און בשעת דו וועסט ווערן עלטער און קליגער און פרימער - וועסטו דעמולט קענען זען אז דאס איז טאקע דער מקדש דלעתיד.

ד.ה. דאס וואס זי זעט דעם מקדש דלעתיד איז אזוי ווי אין א משל לגבי הנמשל, ווי א לבוש לגבי המלובש בו: די מיידעלע זעט דעם משל ולבוש וואס איז "אנגעטאן" אויפן מקדש דלעתיד, ווייל זי קען נאך ניט תופס זיין דעם מקדש (דעם נמשל) אליין. ובתוך המשל והלבוש איז דא דער גאנצער נמשל, און דער משל ולבוש איז מכוון בכל הפרטים צום נמשל, במילא בשעת זי זעט דעם משל ולבוש, זעט זי באמת דעם גאנצן מקדש דלעתיד.

נאר וויבאלד אז זי איז נאך א קליינע מיידעלע, פארשטייט זי נאך ניט אז דאס איז באמת נאר א לבוש אויף המלובש בו (דער מקדש אליין), ומובן אז דער עיקר איז המלובש בתוך הלבוש (דער מקדש דלעתיד) און ניט דער לבוש. און בשעת זי וועט אויסוואקסן וועט זי קענען פארשטיין אלץ מערער און מערער ביז דעם נמשל אליין, און ווי דער משל איז נאר א לבוש צום עיקר - דער מקדש דלעתיד.

וואס דאס קען מען מסביר זיין אויך צו דער קליינער מיידעלע:

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

זי זעט אז א צוויטע מיידעלע טראגט א קליידל. בשעת מ'וועט איר פרעגן: וואס טראכט זי - וואס איז דער עיקר פון דער צווייטער מיידעלע, דער בגד וואס זי טראגט אדער די מיידל אליין? וועט זי לאכן: ס'איז ביי איר קיין שאלה ניט אז דער עיקר איז די מיידעלע אליין (וועלכע איז אנגעטאן אין די בגדים) - וואס "נעשה אדם בצלמנו כדמותנו"[48] (ווי עס שטייט אויך אין היינטיקן פרק[49]), און וואס זי איז בת שרה רבקה רחל ולאה[50] - און ניט דער בגד וואס זי טראגט. אע"פ וואס דער בגד פארדעקט אויף איר האנט, אדער אן אנדער חלק פון גוף. ווארום ס'איז פשוט אז דער בגד איז נאר א טפל צו דעם עצם - צו דעם מענטש אליין.

ובשעת זי טרעפט די צוויטע מיידעלע און זעט איר בגד, פארשטייט זי אז זי טרעפט ניט א בגד, נאר א מענטשן, און אין א מענטשן גופא - א בת שרה רבקה רחל ולאה!

וביחד עם זה פארשטייט זי אויך, אז דער בגד באווייזט און איז מכוון בכל הפרטים אויף מדת האדם המלובש בתוך הלבוש באורך רוחב וגובה. במילא, דורך זען דעם לבוש קען זי פארשטיין דער אורך ורוחב וגובה וכל הפרטים פון המלובש בו.

ועד"ז איז מען איר מסביר בנוגע צו דעם וואס מ'באווייזט איר דעם מקדש דלעתיד בשבת חזון, אז מ'באווייזט עס איר דורך א משל פון א לבוש (ווי דער משל פון בארדיטשעווער), וואס דאס איז ניט דער עיקר, נאר דער טפל להמלובש בו (דער מקדש דלעתיד אליין), אבער דורכן לבוש קען זי זען און פארשטיין אורך רוחב וגובה פון דעם מקדש דלעתיד.

יא. עפ"ז י"ל פארוואס מ'גיט א משל אויף "מראין לכאו"א המקדש דלעתיד" פון אן אב וואס באווייזט דוקא א לבוש, און ניט א בית וואס איז מכוון יותר להנמשל, וואס רעדט זיך וועגן א בית (ביהמ"ק השלישי):

פון די חילוקים צווישן בית און לבוש - וואס יש בזה מה שאין בזה[51]:

א בית ווייזט ניט אויף די מדה (אורך רוחב וגובה כו') און די פרטים פון הדר בבית זה. א בית ווייזט נאר באופן כללי אויף הדר בו: צי דארטן לעבט אן עשיר, אדער אן עני וכיו"ב. ובכללות יותר - צי דאס איז א בית פון בעלי חיים אדער פון מין האדם. אבער פון א בית זיינען ניט קענטיק די פרטים פון דעם וואס

---

48) בראשית א, כו. 49) אבות פ"ג מי"ד. 50) ראה ברכות טז, ב. 51) ראה בכ"ז גם לקו"ת ברכה צח, ד ואילך. ד"ה מים רבים תרל"ו בתחלתו. ובכ"מ.

וואוינט דארט: צי ער איז א נידעריקער, אדער אן ענק, א גדול בין אנשים, ועד"ז בנוגע רוחב כו'.

ווי מ'זעט עס אויך אין הלכה: א בית ע"פ דין איז ד' על ד' אמות[52], אע"פ וואס מדת האדם איז וויניקער דערפון, ווי מ'זעט דעם דין בא מקוה[53] -וויבאלד אז טבילה במקוה דארף זיין "לכל גוף האדם בבת אחת", איז "שיערו חכמים" אז א מקוה דארף זיין עכ"פ אמה על אמה ברום ג' אמות. קומט אויס, אז א בית איז ניט בדיוק לפי מדת האדם[53*].

משא"כ אין א לבוש איז קענטיק אורך רוחב וגובה וכל הפרטים פון דעם אדם המלובש בתוך הלבוש. כל פרט ופרט פון דעם לבוש איז בהתאם צו דעם חלק הגוף און צו דער מאס פון דעם חלק וואס טוט זיך אן אין דעם פרט בהלבוש: חלק היד פון לבוש איז בהתאם צו דער יד און מדת היד, ועד"ז בנוגע לשאר הפרטים.

ווי עס פארשטייט אפילו א קליין מיידל (כנ"ל), אז בשעת זי זעט א בגד פון א צווייטער מיידל קען זי זען פון מדת הבגד און מראה הבגד כו' וואס פאר א מענטש עס טראגט דעם בגד בכל הפרטים: צי זי איז אן אלטע פרוי אדער א יונגע מיידל; וואס עס איז איר אורך רוחב וגובה; וואס פאר א עלטערן זי האט, ד.ה. ווי שפייזן זיי איר און וואס פאר א מאכלים ומשקאות זי עסט און טרינקט - ווארום לויט דעם איז תלוי גידול (אורך רוחב וגובה) האדם.

ווי דאס איז אין הלכה בנוגע צו בגדי כהונה[54], אז זיי מוזן זיין פונקט לפי מדת הכהן, ניט לענגער און ניט קירצער. [ועד"ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו א אידן, וואס ער איז פון "ממלכת כהנים וגוי קדוש", און איז א לעבעדיקער ביהמ"ק, כדלקמן סי"ד].

יב. ועפ"ז וועט מען פארשטיין די הוספה פון דעם משל אויף גילוי מקדש דלעתיד פון א לבוש:

דער משל גיט ארויס אז דער חידוש פון דעם מקדש דלעתיד וועט זיין אז דאס וועט האבן ניט נאר מעלת הבית, נאר אויך מעלת הלבוש, אז בכל הפרטים בביהמ"ק (באורך ורוחב וגובה) וועט מען זען בגלוי הדר והמלובש בביהמ"ק - דער אויבערשטער בכל פרטיו (אז אין יעדן פרט בביהמ"ק איז בגלוי ווי דאס איז בהתאם צו יעדן פרט באלקות). ד.ה. אז נוסף לזה וואס דער מקדש דלעתיד וועט זיין

---

52) ראה סוכה ג, א-ב. 53) עירובין ד, ב. רמב"ם הל' מקוואות רפ"ד.
*53) וראה לקו"ש חט"ז ע' 195. וש"נ. 54) פסחים סה, ב. זבחים יח, כ.



SichosKodesh.com

א בית לה', וואו ס'איז ניכר בכללות הדר בו (ניט זיינע פרטים), וועט גילוי העצמות דארט אויך זיין ניכר בגלוי בכל הפרטים.

און דאס איז דער חידוש ומעלה דוקא פון ביהמ"ק השלישי לגבי די פריערדיקע בתי מקדשות (וועלכע האבן ניט געהאט די מעלה פון לבוש):

די ערשטע צוויי בתי מקדשות זיינען געווען "בניינא דבר נש", און דורך דעם איז דאס געווארן א מקום ראוי להשראת השכינה. דערפאר איז אין זיי ניט געווען אזוי ניכר אלקות בגשמיות הביהמ"ק, וויבאלד אז ס'איז נאר "בניינא דבר נש" (און ניט "בניינא דקב"ה"), און דערפאר האבן זיי ניט געהאט קיין קיום נצחי (ווייל זי זיינען מעשה בני אדם). ד.ה. אז זיי זיינען געווען נאר בכללות א בית לה', אבער ניט אז דאס האט דורכגענומען כל פרט ופרט.

משא"כ דער ביהמ"ק דלעתיד (השלישי) איז "בניינא דקב"ה", דערפאר איז בכל פרט ופרט (ניט נאר בכללות המקדש) זעט מען בגלוי אלקות און נצחיות.

ד.ה. דערפון וואס מ'זעט דעם חילוק אז די ערשטע צוויי בתי מקדשות האבן ניט געהאט קיין קיום נצחי (נאר זיי זיינען חרוב געווארן) משא"כ דער ביהמ"ק השלישי איז א נצחי (וויבאלד אז ער איז בניינא דקב"ה) - איז מובן, אז אויך בתחלה זיינען די ערשטע צוויי בתי מקדשות ניט געווען נצחיות וואס קומט מצד בנין הקב"ה, משא"כ ביהמ"ק השלישי.

כמבואר בחסידות פון ספרי חקירה[55] (ובמילא איז דאס געווארן א חלק פון חסידות), אז די בחינה אויף אן ענין נצחי איז ניט בסוף קיום הדבר, נאר ברגע הראשון, ד.ה. ניט ברגע ראשון, נאר ברגע שני', אז שוין דעמולט איז ניכר צי דאס איז א דבר נצחי אדער ניט. ווי דאס איז בנוגע צו צבא השמים, אז שוין בתחלה איז געווען ניכר אז זיי זיינען "חזקים כיום הבראם" (כמבואר בירושלמי[56]), וכמבואר בארוכה בחסידות גופא - בספר החקירה פון צ"צ.

עד"ז מובן בנוגע די בתי מקדשות: דער חילוק צווישן די צוויי בתי מקדשות וואס זיינען ניט נצחיים און ביהמ"ק השלישי וואס איז נצחי, איז ניט נאר ניכר בגלוי בשעת די צוויי בתי מקדשות זיינען חרוב געווארן, נאר בתחלת בנינם איז געווען ניכר בכל פרט ופרט אז דאס איז ניט קיין בנין נצחי. משא"כ בביהמ"ק השלישי איז ניכר בתחלה אז ער איז נצחי בכל הפרטים.

---

55) ראה בחיי בראשית א, כח. 56) ריש ברכות.

הנחת הת' בלתי מוגה

און דאס גיט צו דער משל פון לבוש אויף "מראין לכאו"א המקדש דלעתיד" - אז נוסף לזה וואס דער ביהמ"ק השלישי וועט האבן מעלת הבית, בית לה', כללות גילוי אלקות, וועט דאס אויך זיין כלבוש, אז גילוי עצמותו ית' איז דארטן בכל הפרטים באורך רוחב וגובה כו'.

יג. ליתר ביאור:

לע"ל שטייט "ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דיבר"[57]. איז דער מיטעלער רבי מבאר בשער האמונה[58] אז לע"ל וועט מען זען בגלוי בראי' חושיית וגשמית דעם כח הפועל (האלקי) בנפעל. און דאס איז דער פירוש אין "פי ה' דיבר": דאס מיינט ניט נאר דער גילוי פון די עשרת הדברות, נאר "כל בשר" וועט זיין דער דבר הוי' וואס איז דא בכל נברא ונברא.

דאס הייסט: לע"ל וועט מען זען אין אלע נבראים ניט נאר דעם כח העצמות וואס האט באשאפן די נבראים יש מאין, "מהותו ועצמותו של המאציל ב"ה שמציאותו הוא מעצמותו ואינו עלול מאיזה עילה שקדמה לו ח"ו", וואס דאס איז אן ענין כללי בכל הנבראים בשוה (אן קיינע חילוקים לפי פרטי הנבראים), נאר נוסף צום גילוי העצמות ווי ער איז לעצמו אן פרטים, וועט דעמולט אויך זיין דער גילוי כח הפועל בנפעל, ד.ה. מ'וועט זען אויך גילוי העצמות בציור הפרטי דכל הנבראים, באורך רוחב וגובה כו'.

וואָרום אויך לע"ל וועלן דאך זיין א ריבוי נבראים פרטיים (ריבוי נפעלים), ואדרבה - דעמולט וועט זיין נאכמער אין "מה רבו מעשיך"[58*] און "מה גדלו מעשיך"[59], ומובן אז די התחלקות פון ריבוי נבראים איז דאך ניט מצד עצמם ח"ו, נאר מצד דער התחלקות בכח הפועל בנפעל, ד.ה. לפי די פארשידענע דרגות בגילוי דבר הוי', אזוי זיינען דא די חילוקים בציור פרטי הנבראים - וועט לע"ל זיין "ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דיבר", דער גילוי פון כח הפועל בנפעל, בכל נפעל בציור הפרטי שלו בעוה"ז הגשמי והחומרי.

און דאס וואס דער כח הפועל האלקי בנפעל וועט נתגלה ווערן לע"ל בכל הנבראים ונפעלים בעוה"ז הגשמי והחומרי - זעט מען עד כדי כך בזה, וואס באמצע ביאור הענין דגילוי כח הפועל בנפעל לע"ל ברענגט אויף דעם דער מיטעלער רבי[60] "כידוע בהה"מ שהגיע בסוף ימיו לזה ("לראות בראי' חושיי' בכח אלקי שבכל בריאה

---

57) ישעי' מ, ה. 58) פכ"ד ואילך. פכ"ז. *58) תהלים קד, כד. 59) שם צב, ו. 60) שם פכ"ז.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ופעולה גשמיית״)..כמו שאמר בפירוש על מה שהכיר לפועל הכלי מתוך הכלי שהי׳ סומא בעין א׳ כו׳, שא״א להיות זה כ״א במי שיכול להכיר בכל רוחני שבגשם עד כללו׳ אור החיות האלקי הרוחני שהוא כח ומקור לכל פעולה ובריאה מאין ליש, והוא זכה לזה כו׳״.

וואס דערפון זעט מען אז דא רעדט זיך וועגן גילוי כח הפועל בנפעל בעוה״ז הגשמי והחומרי, ווייל דער ענין פון א סומא איז נאר שייך בעוה״ז הגשמי והחומרי, אפילו א פרא אדם וועט ניט איינפאלן זאגן אז דער ענין פון סומא איז שייך למעלה. – פארוואס ער ברענגט דוקא דער סיפור פון הכרת המגיד אז דער פועל הכלי איז געווען א סומא בעין א׳ – איז מפני טעם הידוע ליוצרו ולבוראו, אבער בפועל איז דערפון מובן אז דא רעדט זיך וועגן עוה״ז הגשמי והחומרי.

און אין אלע פרטי נבראים ונפעלים בעוה״ז הגשמי והחומרי וועט נתגלה ווערן לע״ל דער כח הפועל בנפעל, בציור הפרטי דכל הנבראים, ד.ה. דער גילוי העצמות ניט נאר בכללות, נאר בכל פרט ופרט לפי ענינו.

בזמן הזה, זעט מען בגלוי נאר דער נפעל (דער לבוש), און נאר יחידי סגולה זען אויך איצטער דעם כח הפועל בנפעל – ווי דער מגיד, און דער מיטעלער רבי (וואס ברענגט דער ענין), ורבותינו נשיאינו בכלל, כמובן דערפון וואס זיי האבן דאס איבערגע׳חזר׳ט מיט א שטורעם כו׳; אבער לע״ל וועט נתגלה ווערן לכאו״א דער כח הפועל בנפעל, בכל נפעל לפי ענינו וציורו הפרטי.

דערפון איז פארשטאנדיק במכ״ש וק״ו אז אזוי וועט זיין אין ביהמ״ק השלישי: מה-דאך אז בכל העולם וועט זיין "ונגלה כבוד ה׳ וראו כל בשר יחדיו כי פי ה׳ דיבר", גילוי כח הפועל בנפעל בכל פרט ופרט – עאכו״כ אז אזוי וועט זיין בביהמ״ק השלישי, אז גילוי העצמות וועט זיין בכל פרט פון ביהמ״ק.

וי״ל אז דאס גיט צו דער משל פון לבוש אויף "מראין לכאו״א המקדש דלעתיד" – אז נוסף לזה וואס דער ביהמ״ק השלישי וועט האבן מעלת הבית, בית לה׳, כללות גילוי העצמות, וועט ער אויך זיין כלבוש, אז גילוי עצמותו ית׳ איז דארטן בכל הפרטים באורך רוחב וגובה כו׳. בדוגמא ווי א לבוש (וכל פרט ופרט פון לבוש) איז מגלה כל פרט ופרט פון המלובש בתוכו.

בזמן הזה איז דא א חילוק ע״פ תורה צווישן לבוש ובית, אז א בית איז נאר מגלה כללות מהות הדר בו, משא״כ א לבוש איז מגלה די פרטים (כנ״ל); אבער בביהמ״ק השלישי לע״ל וועט זיין דער חיבור פון בית ולבוש, אז דער ביהמ״ק השלישי וועט אין זיך האבןביידע מעלות.

הנחת הח׳ בלתי מוגה

יד. און דאס איז דער חידוש פון שבת חזון:

דעמולט באוויזט מען "לכאו"א המקדש דלעתיד" ווי אין א משל פון א לבוש, אז אע"פ וואס דאס איז נאר א לבוש, דארף מען וויסן אז דער עיקר איז דער מלובש בתוך הלבוש, ואדרבה - דער לבוש איז מגלה בכל הפרטים המלובש בו, בנדו"ד - דער ביהמ"ק השלישי בשלימותו בכל הפרטים. און דאס באוויזט מען א אידן, און מ'גיט עס אים אפ אינגאנצן אין די הענט - אז הדבר תלוי אין דעם אידן צו ממשיך זיין דעם ביהמ"ק השלישי בפועל בגשמיות העולם, און מ'זאל זען בגלוי ווי דער לבוש איז נאר מגלה המלובש בו.

און ווי מ'קען עס געבן מסביר זיין אפילו צו א קליינער אידישער מיידעלע (כנ"ל):

בשעת א קליינע מיידעלע טרעפט נאך א אידישע מיידעלע -

וואס יעדער איד איז א לעבעדיקער בית המקדש. דערפון איז מובן, אז כשם ווי דער ביהמ"ק (השלישי) האט מעלת הלבוש, אז דער לבוש איז מגלה אויף גילוי העצמות בכל הפרטים, אזוי איז דאס אויך ביי א אידן, אז זיינע לבושים זיינען מגלה בכל הפרטים אויף עצם מהותו.

ובפרט אז דערצו איז יעדער איד פון "ממלכת כהנים וגוי קדוש"[61], במילא: כשם ווי ביי א כהן איז מוכרח אז בגדיו זאלן זיין כפי מדות גידול שלו (כנ"ל סי"א), אזוי דארף אויך זיין ביי א אידן. און ניט נאר וואס די לבושים דארפן זיין לפי מדותיו, נאר אויך דער אופן לבישת הבגדים דארף זיין בדיוק לכבוד ולתפארת, כמסופר אין גמרא[62] אז בשעת א איד האט אנגעטאן זיין גארטל שלא במקומו, איז כאטש דאס איז דער זעלבער גארטל, וויבאלד אבער ס'איז שלא במקומו, האט אפילו א גוי דערזען אז דאס פאסט ניט פאר "ממלכת כהנים וגוי קדוש" און ער האט עס פארראכטן! -

איז בשעת א אידישע מיידעלע טרעפט נאך א אידישע מיידעלע - הגם די אידישע מיידעלע טראגט א קלייד - איז וואס זעט זי? זי זעט אז דער עיקר פון דער מיידעלע איז ניט איר קלייד, נאר דאס וואס איז אנגעטאן אין קלייד, א בת שרה רבקה רחל ולאה. ואדרבה: וויבאלד אז זי קוקט אויפן קלייד נאר אלס א טפל, זעט זי ווי די קלייד איז נאר בכדי צו מגלה זיין אלע פרטים פון דער אידישער מיידעלע אנגעטאן אין קלייד.

בנוגע צו א גוי'שער מיידעלע - טרעפט איר ניט א אידישע

---

61) יתרו יט, ו. 62) זבחים יט, א. וראה לקו"ש תבוא תשמ"ב. בסופו.

הנחת הוו' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

מיידעלע, ווארום "אתה בחרתנו מכל העמים ורוממתנו מכל הלשונות"[63], א איד געפינט זיך אין "איגרא רמה", און דערפאר זאגט מען "נפש כי תחטא[64] – תווהא"[65], און א גוי געפינט זיך... גאר נידעריק, "בבירא עמיקתא"[66]. אַ אמאל טרעפט זי פאַרט א גוי'שע מיידעלע – איז דאס אויך ניט בכדי זיך צו פארנעמען מיט אירע "לבושים", איר חיצוניות, נאר מיטן ניצוץ שבה, אז זי (די אידישע מיידעלע) זאל אויף איר פועל'ן צו מקיים זיין די ז' מצוות דבני נח, כולל ענין החינוך.

און ווען זי טרעפט א אידישע מיידעלע – וואס דאס איז דער עיקר מיט וועמען זי פארנעמט זיך – זעט זי ניט דעם טפל, דעם לבוש, נאר דעם עיקר, וואס זי איז בת שרה רבקה רחל ולאה, און דער לבוש העלפט נאר צו מגלה זיין די פרטי המעלות פון דער אידישער מיידעלע.

ועד"ז איז מען איר מסביר בנוגע לזה וואס בשבת חזון באוויזט מען לכאו"א, אויך צו איר, המקדש דלעתיד: אע"פ וואס זי מיינט אז זי זעט עס ניט, איז דאס דערפאר וואס ס'איז אנגעטאן אין א לבוש, אבער דער עיקר איז דאך ניט דער לבוש נאר המלובש בתוכו, און דער לבוש (בשעת מ'קוקט אויף אים כדבעי) איז נאר מגלה די פרטים פון המלובש בתוכו.

טו. ועד"ז איז מען מסביר יעדן אידן בנוגע צו דער מעלה פון שבת חזון:

בענין זה – גילוי המקדש דלעתיד לכאו"א – האט שבת חזון א מעלה לגבי כל שבתות השנה, אויך לגבי בחי' שבת בשבתו. ווייל פון כל שבתות השנה זאגט מען אז נאר בשבת חזון באוויזט מען "לכאו"א המקדש דלעתיד".

וואס דערפון איז מובן דער גודל הזכות ושבחם של ישראל בזמן זה – אז דוקא שטייענדיק בימים אלו וואס זיינען בגלוי ימים בלתי רצויים, איז בשבת חזון באוויזט מען "לכאו"א המקדש דלעתיד"!

אַ ער זאגט אז ער זעט עס ניט? ענטפערט מען אים – אז בענין זה איז ער בדוגמא ווי די אויבנדערמאנטע קליינע מיידעלע, און זען זעט ער דעם לבוש, אבער דער עיקר איז המלובש בתוכו, ובשעת ער וועט ווערן עלטער כו' וועט ער זען ווי דער לבוש איז נאר מגלה אלע פרטים פון המלובש בתוכו.

---

63) נוסח תפילת המועדים. 64) ויקרא ד, ב. 65) זח"ג יג, ריש ע"ב. טז, א. 66) לשון חז"ל – חגיגה ה, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

אבער ער דארף וויסן אז מ'באוויזט אים דער ביהמ"ק בשלימותו (דורכן לבוש), און מ'גיט אים אויך אפ דעם "שליסל" צו עפענען די תיבה ומגלה זיין דעם ביהמ"ק דא למטה בגשמיות העולם בגלוי, והדבר תלוי אינגאנצן אן אים - אז אויב ער טוט נאר תשובה בשעתא חדא וברגעא חדא, בשעתא חדא מלשון "איין קער"[67] - דעמולט ווערט גלייך נתגלה דער ביהמ"ק דא למטה.

ווי רש"י שרייבט בפירושו על הגמרא[68] - וואס דאס איז פשוטה של תושבע"פ (ע"ד ווי פרש"י על התורה איז פשוטו של מקרא) - אז דער ביהמ"ק איז "בנוי ומשוכלל הוא יגלה ויבא משמים", און דערפאר קען ער נתגלה ווערן אויך בלילה ובשבת ויו"ט (ווייל מ'דארף אים ניט בויען), עאכו"כ בשבת זה, שבת חזון, ווען "מראין לכאו"א המקדש דלעתיד".

ויה"ר אז ע"י הדיבור בזה זאל מען זוכה זיין ניט נאר צו דעם "אני מעלה...כאילו הם עוסקים בבנין הבית"[69], נאר עס זאל זיין "בנה ביהמ"ק" בפועל למטה מעשרה טפחים, בשמחה ובטוב לבב, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

* * *

טז. האמור לעיל איז פארבונדן מיט שבת חזון בכל שנה ושנה.

דערצו דארף אויך זיין א לימוד פון דער קביעות מיוחדת בימי החודש ווען שבת חזון קומט אויס, דלכאורה: עס איז אלעמאל דער שבת פאר תשעה באב, איז לכאורה למאי נפק"מ וועלכן טאג פון די תשעה ימים דאס קומט אויס?

בשלמא ווען שבת חזון איז אמאל תשעה באב עצמו, איז דעמולט דא אן עילוי מיוחד: אז בתשעה באב עצמו, ווען ס'איז געווען חורבן ביהמ"ק, באוויזט מען "לכאו"א המקדש דלעתיד"! אבער אויב עס קומט אויס ביום אחר, וואס איז דער חילוק צי ס'איז דער טאג צי א צווייטער טאג?

אעפ"כ זעט מען אז אין דער ירידה בהתשעה ימים עצמם איז דא א חילוק בין יום ליום, במילא דארף זיין א לימוד מיוחד בהתאם צום יום בחודש ווען שבת חזון קומט אויס בשנה זו.

יז. בשנה זו קומט אויס שבת חזון בששה באב. דער ענין מיוחד בזה:

---

67) ראה לקו"ת ר"ה סא, א. 68) מא, א. 69) ראה תנחומא צו יד. לקו"ש חי"ח ע' 412 הערה 19. וש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com